# נאָר איין מאָל שלום־עליכם

### א

אין סאַמע מיט פון חודש מאַי, אין יאָר 1916, איז ער געשטאָרבן אין דער שטאָט ניו־יאָרק — דער סאַמע קאָכקעסל פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַז ער איז געווען אַ „באַוווּסטער שרײַבער", האָט מען געקאָנט דערקענען אין דער לוויה וואָס ער האָט געהאַט. מען דערציילט אַז עס איז געווען איינע פון די גרעסטע לוויות וואָס ניו־יאָרק האָט ווען עס איז געזען.

די פאָלקסמאַסן האָבן פאַרבײַמאַרשירט מיט געבויגענע קעפּ און אַ רגע אײדער מען האָט פאַרקלאַפּט דעם אָרון אויף אייביק, האָט דער קאָלעקטיווער אָבער זיך אײַנגעגראָבן מיט זײַנע טויזנטער אויגן אין וואַקס־געלן פּנים פון דעם טויטן מײַסטער.

ער האָט, משמעות, געוואָלט פאַרפיקסירן אין זכרון דאָס דאָזיקע פּנים, וואָס אָט־אָט ווערט עס איבערגעגעבן אין רשות פון ווערעם און ליים.

איך געדענק:

אַ פרילינגטאָג וואָס האָט פאַרשמעקט מיט מײַגאָלד, מיט ציַיטיקן בעז און קאַרשנבליטן.

אין יאַס, דער קרוינשטאָט פון מאָלדאַוויע, דער קרוינשטאָט פון ייִדישן טעאַטער.

אַ בלייך פּופּצן־יאָריק ייִנגל פאַר דער וויטרינע פון אַ ייִדישן מוכר־ספרים, אין סאַמע האַרץ פון שולהויף.

פון דעם ייִנגלס אויגן קאַפּען טרערן.

אין פענצטער הענגט אַ צײַטונג די ריכטיקע ייִדישע צוקונפט.

דאָס ערשטע זײַטל אין אַ שוואַרץ רעמל. דאָס קעפּל מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות.

„געשטאָרבן שלום־עליכם" ; „געשטאָרבן דער ייִדישער געלעכטער".

דעם דאָזיקן פּופּצן־יאָריקן ייִנגל האָט זיך דעמאָלט אַפילו אויף אַ האָר נישט געחלומט, אַז ער וועט זיך ווען עס איז אָנגעהערן מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, און אַז די שלום־עליכם־עקסיסטענץ אין דער דאָזיקער ליטעראַטור וועט אים כּסדר אָנפילן מיט שטאָלץ און פּחד.

מיט שטאָלץ דערפאַר, וואָס אָט דער איין־און־איינציקער, דער וווּנדערבאַרער — איז אונדזערער.

און מיט פּחד און אַפּהענטיקייט, ווײַל ווי אַזוי קאָן מען עס נאָך שרײַבן נאָך שלום־עליכמען.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז דאָס ייִנגל אַהיים געלאָפן אָנזאָגן זײַן טאַטן, דעם שנײַדער, די טרויעריקע בשׂורה.

זײַן טאַטע איז, פון זינט ער געדענקט, געווען אַ גרויסער שלום־עליכם־פאַרערער. נאָך מער, אַן עקזאַלטירטער שלום־עליכם־אַפּאָלאָגעט.

ער האָט אַליין, אויף אַ פּרימיטיוון שטייגער, דורכגעפּאַקט און דורכגעמאָזלט די ליניע וואָס פירט פון שמ"רן צו שלום־עליכמען.

און דער דאָזיקער פּשוטער שלום־עליכם־אַפּאָלאָגעט (איינער פון די אום־צייליק־אַנאָנימע) איז דאָך געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַר דעם סענסיבלען ייִנגל אַנטפּלעקט דאָס שלום־עליכם־וווּנדער.

דער דאָזיקער פּשוטער לייענער האָט אויך געפונען די ריכטיקע קריטישע פאָרמולע, צו וועלכער די ייִדישע קריטיק און דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות האָבן זיך ערשט דערקליבן נאָך אַ ים פון קריטישע אומוועגן.

„נאָר איין מאָל שלום־עליכם".

אין דער דערקענטעניש פון דער איינמאָליקייט פון אַזאַ דערשײַנונג ווי שלום־עליכם ליגט דאָך דער אָפענער וועג צום באַנעמען אים.

וואָלט די ייִדישע קריטיק פון יענע צײַטן דערגאַנגען צו דער דאָזיקער דערקענטעניש, וואָלט זי פאַרשפּאָרט אַ סך פאַלשע קאָמענטאָרן און ממילא אויספירן וואָס האָבן צוגעהאָלפן מער דעם מיספאַרשטענדעניש אַרום שלום־עלי־כמען, איידער דעם דערקענען די דאָזיקע איינציקאַרטיקע געשטאַלט און אירע קינסטלערישע ווערטן.

יעדע אַזאַ איינמאָליקע געשטאַלט טראָגט אין זיך די קריטעריעס וואָס העלפן זי באַנעמען.

אַלע דרויסנדיקע קריטעריעס, וואָס ווערן אָנגעווענדט לגבי אַזאַ דערשײַנונג, געהערן אומבאַדינגט און פאַטאַל צו אַ פאַלשער באַלויכטונג.

דער גײַסטרײַכער פראַנצויזישער משכּיל וואָלטער האָט אַ דאַנק די דרויסנדיקע עסטעטישע קריטעריעס, וואָס זענען געלעגן מחוץ דעם שעקספּיר־פענאָמען, מיספאַר־שטאַנען די גראַנדיעזע שעקספּירישע איינמאָליקייט.

פון מיספאַרשטיין ביז לעסטערונג איז אַ קליינער מהלך — ממש אַ שפּאַן וועג.

איז טאַקע וואָלטער געווען שעקספּירס לעסטערער און נישט זײַן דערקענער.

און ס'איז נישט קיין וווּנדער, און כּמעט זעלבספאַרשטענדלעך, וואָס אונדזערע היימישע משכּילים זענען געווען שלום־עליכם־לעסטערערס.

מיט די דרויסנדיקע צוגאַנג־מעטאָדן וואָס זיי האָבן אָנגעווענדט, האָבן זיי געהאָלפן, ניין, זיי זענען טאַקע אַליין געווען די פאָנען־טרעגערס פון דער פאַלשער אינטערפּרעטאַציע פון דעם שלום־עליכם־זשעני.

אַלץ איינס צי דער דאָזיקער טיפּ משכּיל האָט געהייסן אליעזר שטיינמאַן, אַ. ווײַטער, צבי הירשקאַן אָדער אַנדערש.

אַ טיפּיש־משכּילישער רעפלעקס איז געווען, למשל, דער זאָג פון פּרץ מאַרקישן

(שוין אין דער צײַט פֿון דער איבערוואָרטונג), ווען ער האָט אָנווײַזנדיק אויף די שלום־עליכמישע עלעמענטן אין א. מ. פוקס דערציילונגען זיך פֿאַרגאַלאָפּירט:

„אוודאי שטאַמט א. מ. פוקס פֿון שלום־עליכמען, נאָר אַן ברילן און אָן דעם שפּיציקן בערדל״.

אַט די אַלע אינטעליגענטיש־משכּילישע צוגאַנג־מעטאָדן און אויסטײַטשן האָט אָפּגעוואָרפֿן פּשוט און עלעמענטאַר אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן:

„נאָר איין מאָל שלום־עליכם״.

ב

נאָר איין מאָל שלום־עליכם.

אוודאי נאָר איין שלום־עליכם, ווײַל אין אים האָט זיך מאַניפֿעסטירט דער גילגול פֿון יענעם אייביקן געלעכטער, וואָס קומט צו אַ פֿאָלק נאָר איין מאָל אין אַ יובל.

בײַ די שפּאַניער האָט זיך דאָס דאָזיקע געלעכטער אָנטפּלעקט אין דער געשטאַלט פֿון סערוואַנטעס. בײַ די פֿראַנצויזן — אין דער געשטאַלט פֿון ראַבעלע, און בײַ די ענגלענדער — אין דער געשטאַלט פֿון דיקענס.

נאָר איין שלום־עליכם, ווײַל אַזעלכע געשטאַלטן ווי שלום־עליכם זענען נישט קיין גענעאַליש־עפּיזאָדישע אויפֿטאַקטן און אויפֿבליצן, וואָס יעדע גרעסערע און קלענערע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט זיי.

אַזעלכע געשטאַלטן ווי שלום־עליכם זענען לײַטערונג פֿון דורות העוויות, צער, חכמה און עקשנות.

נאָר איין שלום־עליכם, ווײַל ער איז געווען די אינטימע קינסטלערישע עקספּרעסיע פֿון די ייִדן, וואָס הגם זי וואָרצלט אין דער טיף פֿון פֿאָלקלאָריסטישע אייגנאַרטיקייטן, פֿאַרמאָגט זי דעם אויסטערלישן כּוח זיך צו דערהייבן צום אוני־ווערסאַלישן.

נאָר איין שלום־עליכם, ווײַל איינמאָליק אין ליטעראַטור געלינגט אַזאַ סינטעז פֿון שיקזאַל מיט הומאָר פֿון דראַמאַטישן עיקר, וואָס ווערט באַלאַנסירט דורך דער לאַכנדיקער טרער.

אַזעלכע צוויי אויסטערלישע עלעמענטן, וואָס בײַ שעקספּירן זענען זיי געלאָפֿן פּאַראַלעל און נאָר אין געציילטע ווערק האָבן זיי גראַנדיעז און אומהיימלעך זיך געקוקט אין די אויגן אַרײַן.

ש. ניגער, וואָס האָט זײַנער צײַט געזוכט שלום־עליכמס ליטעראַרישן ייִחוס־בריוו, האָט זיך דערגראָבן צו דער שאַרפֿזיניקער „מענדעלע־ און שמ״ר־טענדענץ״, וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין שלום־עליכמען.

ערשט אין די לעצטע יאָרן איז ער דערגאַנגען צום אוניווערסאַלישן אין טביה דעם מילכיקן.

ענדלעך אַ מאָל!

אינעם אויפֿשפּירן און אויסגעפֿינען די שײַכות פֿון דער אייגנאַרטיקייט צום אוניווערסאַלישן פֿון אַ ווערק ליגט דאָך דער הויפּט־אַטריבוט פֿון יעדער קריטיק. נאָר מיט אָט דעם מאָסשטאַב קען זי דערגיין צום ווערט און נישט־ווערט פֿון דעם אָדער יענעם ווערק.

און שלום־עליכם איז דאָך געווען די אייגנאַרטיקסטע געשטאַלט וואָס מיר ייִדן האָבן געגעבן דער וועלט־ליטעראַטור.

ג

איך ווייס, אַז אין אַן אײַליק־געשריבענעם אַרטיקל לאָזט זיך בשום־אופֿן נישט אויסשעפּן אַזאַ אייגנאַרטיקער אוניקום ווי שלום־עליכם.

עס איז פֿאַראַן נאָר איין אויסוועג — דער וועג פֿון אָנדײַטונגען.

אָנוואַרפֿן אַ קריטישע סכעמע, אָדער בעסער געזאָגט — אַ פּאָר טעזיסן, וואָס קענען פֿאַרענטפֿערט ווערן נאָר דורך אַ גרעסערער מאָנאָגראַפֿיע.

קודם־כּל די אוניווערסאַלישע מאָמענטן. די אייביק־פּראָלעטאַרישע אומקערן. ווי למשל:

דאָס איובישע אין טביה דעם מילכיקן.

דאָס דאָן־קישאָטישע אין מנחם־מענדלען.

דאָס מעפֿיסטאָפֿעלישע אין פֿאַרכּישופֿטן שנײַדער.

דאָס אָדיסייִשע אין מאָטל פּייסי דעם חזנס.

דאָס כעלעמישע אין די כּתרילעווקער מעשׂיות.

און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער...

ד

דאָס דעמאָניש־מאַניאַקאַלישע אין שלום־עליכמס העלדן:

דער אילוזאָרישער דיבוק וואָס שלײַדערט מנחם־מענדלען פֿון איין גראָטעסק־דראַמאַטישער סיטואַציע אין דער צווייטער.

די קללה־מאָנאָמאַניע פֿון שיינע־שיינדל, וואָס איז גורם דאָס גראָטעסקע ליכט וואָס פֿאַלט אויף איר פֿאַרפּײַניקט און אָרעם לעבן.

די פּסוקים־מאָנאָמאַניע פֿון טביה דעם מילכיקן.

די משל־מאָניע פֿון דעם רב ר׳ יוזפֿל פֿון כּתרילעווקע.

עטצעטעראַ, עטצעטעראַ.

THERE is but one Sholom Aleichem.

Assuredly only one Sholom Aleichem. For in him was manifested that transmigration of perpetual laughter that comes to a people only once in many generations. Among the French such laughter gushed from Rabelais, among the Spaniards it welled from Cervantes, among the English it rippled from Dickens.

There is but one Sholom Aleichem, because such phenomena are not periodically recurrent in literature, are not the necessary warp and woof of every major and minor literature. Figures like Sholom Aleichem are the sublimation of many generations of travail, suffering, and wisdom.

There is but one Sholom Aleichem, because his was the truest artistic expression of the Jews; and although his art is rooted in the depths of a distinctive folklore, it has the capacity of rising to the heights of the universal. Sholom Aleichem was at once the most particularist and the most universal figure that the Jews have contributed to world literature.

There is but one Sholom Aleichem, because only once in the lifetime of a literature do we encounter such a synthesis of destiny and humor—humor that is fundamentally dramatic and aquiver with tearful laughter. Tears and laughter were organically interwoven in Sholom Aleichem.

* * *

A sketchy essay like the present one can hope to do no more than just allude to certain elements in Sholom Aleichem. There are phases of his work that show his pre-occupation with those fundamental things that have engaged the world's truly great men of letters—the essential nature of man, his conflicts and his destiny on earth. We find, for example—

The Jobian in *Tevyeh the Dairyman.*

The Don Quixotic in *Menachem Mendel.*

The Mephistophelean in *The Enchanted Tailor.*

The Odyssean in *Mottel.*

The Abderite-Chelmaic in *Kasrilevkeh.*

* * *

He delved deep into the psyche of man with all its aberrations. He portrayed with a sure hand the demoniac-maniacal attributes of his heroes. We encounter in his works—

The illusory *dybbuk*, that tosses Menachem Mendel from one grotesquely-dramatic situation into another.

The malediction-monomania of Shayneh Shayndel that casts a weird light upon her tortured existence.

The quoting-monomania of Tevyeh the dairyman.

The parable-monomania of Reb Yozifl, the rabbi of Kasrilevkeh, et cetera, et cetera.

* * *

ח

אזוי אַנטאָפּן דעם מענטש אין זײַנע מאַניאַקאַלישע צושטאַנדן האָט נאָר געקענט שעקספּיר.

פֿאַר דעם „גאון פֿון דער טראַגעדיע" איז דער מאַניאַקאַלישער צושטאַנד געווען דער אַרויסגאַנג־פּונקט פֿון וועלכן ער האָט געצויגן די העראָיִש־דראַמאַטישע קאָנ־סעקווענצן.

שלום־עליכם האָט, ווי קיין צווייטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, געהאַט דעם חוש פֿאַרן אורטראַגישן עלעמענט.

ער איז אייגנטלעך געווען, ווי דער דײַטש וואָלט געזאָגט, אַ „פֿאַרקאַפּטער דראַמאַטורג".

די מאָנאָלאָגיש־טעאַטראַלע פֿאָרעם וואָס דאָמינירט אין זײַנע ווערק איז אַ קלאַסישער בײַשפּיל דערפֿאַר.

ער האָט אָבער נישט דערפֿירט צו די לעצטע טראַגישע סך־הכּלען ווי דער גרויסער בריטישער אַכזר, אָדער ווי וואָלטער האָט שעקספּירן אָנגערופֿן: „דער בריטישער באַרבאַר".

שלום־עליכם האָט געמילדערט די דראַמאַטישע עלעמענטן דורך זײַן ליריש־הומאָריסטישן שמייכל. דורך זײַן טיף־הומאַנישן ליריזם. ער איז אייגנטלעך געווען דער לעצטער גרויסער הומאַניסט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

ו

ער איז געווען דער ערשטער „גריך" אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי פּאַראַ־דאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען.

גריכיש אין זין פֿון פֿרײַהייט אין דער סענסועל־הנאהדיקער באַציִונג צום וואָרט.

ער האָט באַפֿרײַט דאָס ייִדישע־קינסטלערישע וואָרט פֿון דער מענדעלעשער אַסקעזע און פֿון פּרצעס ראַציאָנאַלע פֿאַרזיכטיקייטן און רמזים (זע די באַרימטע דרײַ פֿינטעלעך) און געלאָזט עס פֿליִען.

ער איז געווען דער ערשטער גרויסער וואָקכאַנט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער קריטישער משׂכּיל האָט די דאָזיקע פֿרײַהייט נישט פֿאַרשטאַנען (ווי געוויינטלעך) און זי שלעכט אויסגעטײַטשט.

אליעזער שטיינמאַן האָט געשריבן מיט ביטול וועגן שלום־עליכמען דעם פּאַיאַץ.

און צבי הירשקאַן — וועגן שלום־עליכמען „דעם לעצטן זאָגער".

דער קריטישער משׂכּיל האָט אים כּסדר דעגראַדירט און אָנגעוויזן אויף זײַנע פֿאָלקלאָריסטישע אייגנטימלעכקייטן.

ז

אין ליכט פֿון זײַן ווערק פֿאַרלירט דער פּסעוודאָנים זײַן צופֿעליקן כאַראַקטער.

ער באַקומט אַ זין און ווערט אין אַ געוויסער מאָס אַ שליסל צו דער שאַפֿערישער מיסטעריע, וואָס האָט זיך בײַ אונדז אַנטפּלעקט אונטער דעם דאָזיקן נאָמען:

שלום־עליכם.

ס'איז פֿאַראַן אין דעם נאָמען דאָס היימיש־אינטימע, וואָס טוט אויס דעם פֿרעמדן אורח פֿון זײַנע וועגן און וואַנדערונגען און זעצט אים אַוועק בײַם משפּחה־טיש מיט אַלע היימישע בײַ גלײַך. דאָס ליכט פֿון הענגלאָמפּ ציט אים אַרײַן אין נאָענטסטן ליכטקרײַז און דער זשום פֿון דעם זינגענדיקן סאַמאָוואַר — אין אינטים־היימישן משפּחה־ניגון:

— און איצט, פּעטער, וועל איך אײַך דערציילן אַ מעשה, אַ טרויעריק־פֿריי־לעכע אָדער אַ פֿריילעך־טרויעריקע, וואָס האָט זיך געקאָנט טרעפֿן מיט מיר, מיט אײַך אָדער מיט סתּם אַ ייִדן!

פֿאַראַן אָבער אין דעם נאָמען אויך יענער געצנדינערישער ריטואַל, יענער גראָטעסק־געשפּענסטישער שפּרונג, מיט וועלכן ייִדן זענען מקדש די לבנה, בעת זי באַווײַזט זיך אַ נײַע, אַ פֿולע, איבער די דעכער און ליקעס פֿון די ייִדישע שטעט און שטעטלעך.

יענער שלום־עליכם, וואָס ציטערנדיקע מענטשלעכע שאָטנס — ביזאַרע און געשפּענסטישע אין שײַן פֿון דער זילבערנער לבנה — גיבן דעם אייביק־זיך־באַנײַענדיקן קאָסמישן ליכט.

אין שלום־עליכמס ווערק זענען בולט ביידע עלעמענטן: דאָס אינטים־ אידי־לישע און דאָס ביזאַר־גראָטעסקע.

די ראָמאַנטישע עקספּעדיציע אין ביזאַר־געשפּענסטישן אַרײַן איז, אַגב, כאַ־ראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע גרויסע הומאָריסטן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

בײַ סערוואַנטעסן האָט זי געפֿונען אַ קלאַסישע לייזונג דאָדורך, וואָס ער האָט דעם ביזאַר־פֿאַנטאַסטישן מאָמענט אידענטיפֿיצירט מיט דער דאָן־קישאָטישער אילוזאָרישקייט, און כּדי צו געפֿינען דאָס גלײַכגעוויכט צום ביזאַר־גראָטעסקן מאָמענט, האָט אים געדינט די פֿיגור פֿון סאַנטשאָ פּאַנסאָ.

בײַ דיקענסן ווירקט זיך אויס דאָס ביזאַר־פֿאַנטאַסטישע אין דער פֿאָרעם פֿון אינטערמעצאָס (זע די געשפּענסטער־געשיכטן וואָס דיקענס שיבט אַרײַן דאָ און דאָרט אין זײַן ראָמאַן די פּיקוויקער), אָדער ער לויפֿט פּאַראַלעל און זעלבשטענדיק ווי אין זײַנע ווײַנאַכט־געשיכטן.

בײַם דײַטשישן הומאָריסט ווילהעלם ראַאַבע געפֿינען מיר דעם דיקענס־מעטאָד פֿון ביזאַר־פֿאַנטאַסטישע אינטערמעצאָס אַרײַנגעשטעלט דאָ און דאָרט, ווו דער רעאַליסטישער שטייגער פֿון דערציילן דערלויבט עס נאָר. (זע זײַן ראָמאַן די כראָניק פֿון דער שפּערלינג־גאַס).

בײַ טשעכאָוון און גאָגאָלן לויפֿט דער ביזאַר־פֿאַנטאַסטישער עלעמענט ווידער אַ מאָל פּאַראַלעל צו די אין רעאַליסטישן נוסח געהאַלטענע דערציילונגען און

Sholom Aleichem had an uncanny sense for primordially tragic causes. He was essentially what the Germans call *ein*



**ITZIK MANGER**

Itzik Manger (the pen-name of Isidor Helfer) wrote German and Roumanian before turning to Yiddish, a language he first learned at the age of fourteen. This fact has not prevented him from evolving into one of the leading contemporary Yiddish poets. He has made the ballad his especial domain. He has delved deeply into mystic and occult Jewish themes for his subject matter, showing a predilection for the fantastic, the gruesome, and the grotesque. Born in Germany, he alternated his literary activity between Roumania and Poland before the war, and has since taken up residence in London, England.

*verkappter Dramatiker*, a dramatist in disguise. The monological form that predominates in his works emphasizes his kinship to the theatre.

But he did not arrive at the ultimate tragic conclusions of the Englishman, or as Voltaire called Shakespeare, "the British barbarian." Sholom Aleichem tempered the tragic with his lyrically-humorous smile and his deeply-humane tenderness. He was, in fact, the last great humanist in world literature.

He was, too, the first "Greek" in Yiddish literature, paradoxical as that may sound. He was Grecian in his sensuously-ecstatic attitude to words. He freed Yiddish diction from Mendele's asceticism and Peretz's covert allusions, and lent it wings.

He was the first great innovator in Yiddish literature.

* * *

In the light of his work, his pseudonym "Sholom Aleichem" loses its accidental character. It takes on meaning and becomes to a degree the key to his creative mystery. There is magic in the name:

Sholom Aleichem.

There is in that name that homey intimacy that welcomes the stranger, come from distant parts, and seats him at the family-table as though he were a member of the household. The light of the oil-lamp attracts him to the nearest circle of light and the hum of the singing *samovar* invites him to add his voice to the intimately-homelike family harmony.

* * *

There is, however, in that name also the suggestion of a pagan ritual, that grotesquely-weird hop with which Jews bless and greet the moon when she appears new and full over the rooftops of Jewish towns and hamlets: "Sholom Aleichem." It is that greeting of "Sholom Aleichem" with which tremulous human shadows—bizarre and mystic in the light of the silvery moon—welcome the eternally-renewing cosmic light.

In the works of Sholom Aleichem both elements stand out: the intimately-idyllic and the bizarrely-grotesque.

Romantic excursions into the realm of the bizarrely-weird are, incidentally, characteristic of all great humorists in the world's literature. In Cervantes the fantastically-bizarre element is indentified with Don-Quixotic illusoriness. In Dickens the bizarrely-uncanny appears in the form of intermezzos, as in the ghost-stories that he injects here and there into his *Pickwick Papers*, or it runs parallel to and independently from the main story, as in his *Christmas Carol*. In the German humorist Wilhelm Rabbe we find the same Dickensian device of extravagantly-mystic interwoven into his novels, wherever his realistic narrative permits it. Similarly in both Chekhov and Gogol the bizarrely-fantastic element runs parallel to their realistically-told stories and novels. (Compare Chekhov's *Black Monk* and Gogol's *The Nose* and *The Red Jacket*).

ראָמאַנען (פאַרגלייַך טשעכאָווס „שוואַרצער מאָנאַך" און גאָגאָלס דערציילונגען „די נאָז", „דער מאַנטל" און אַנדערע).

אויך בייַ שלום־עליכמען איז פאַראַן דער דאָזיקער „אָפנויג" צום ביזאַר־פאַנטאַסטישן, פונקט ווי בייַ די אַלע דערמאָנטע גרויסע הומאָריסטן.

דאָס ביזאַר־גראָטעסקע רעאַליזירט זיך בייַ אים אין אַ גאַנצער ריי דערציילונגען, וואָס לויפן פאַראַלעל צו זייַן ליריש־הומאָריסטישן שטייגער.

איך וועל דאָ דערמאָנען בלויז צוויי פון די דערציילונגען — „עולם־הבא" און „אַ מעשה אָן אַן עק", אָדער ווי ער האָט זי שפּעטער אָנגערופן: „דער פאַרכישופטער שנייַדער".

אין „עולם־הבא" פאָרט אַן אײדעם אויף קעסט דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין דער וועלט — אין צווייטן שטעטל אַרייַן. אויפן וועג, צווישן נאַכט און שניי, שטייט אַ קרעטשמע. דער קרעטשמער, בייַ וועמען דאָס ווייַב איז געשטאָרבן, באַלאָדנט דעם יונגן־מאַן מיט „עולם־הבא", ער זאָל ברענגען די טויטע קרעטשמערקע צו קבר־ישראל אין נאָענטן שטעטל. די נסיעה מיטן מת אויפן שליטן איבער פאַרשנייטע נאַכטישע וועגן, וואָס ווערן נאָך באַפאַלן פונעם קאַפריז צו בלאָנדזשען — איז אַ טיפּישע געשפּענסטער־מעשה מיטן גאַנצן ראָמאַנטיש־ביזאַרן אָטעם פון פחד און שוידער, וואָס ווערט צום סוף הומאָריסטיש געמילדערט אַ דאַנק דעם וואָס מען נעמט דעם יונגן־מאַן אויפן צימבל און דער טעות ווערט אויפגעקלערט.

אינטעגראַלער און גאַנצער אין דער קאָמפּאָזיציע מיט אַ כּסדרדיקע שטייַגערונג פונעם רעאַלן אין פאַנטאַסטישן ביזאַרן אַרייַן — איז „דער פאַרכישופטער שנייַדער".

דער שנייַדער שמעון־עליע שמע־קולנו, וואָס גייט קויפן אַ ציג קיין קאָזעדאַיעווקע און ברענגט אַלץ צו פירן אַהיים אַ צאַפּ וועלכער לאָזט זיך נישט מעלקן.

דאָס שפּיצל טוט אים אָפּ דער מעפיסטאָפעלישער שענקער דאָדיע, וואָס זייַן שענק שטייט אויף דער סאַמע מיט וועג קיין קאָזעדאַיעווקע.

די מעפיסטאָפעלישע אינטריגע, וואָס אַרבעט מעשים אין דער געשטאַלט פונעם קרעטשמער, שטייַגערט זיך צום סוף ביז אומהיימלעכקייט און גרויל.

די ציג־צאַפּ וואַקסט אויס צו אַ פאַנטאַסטיש־גראָטעסקן פאַנטאָם, וואָס שפּרינגט איבער דעכער און פלויטן און פילט אָן די שטיבער מיט שרעק און די שטעטלדיקע נעכט מיט אַ מעשה אָן אַ סוף, וואָס וועט זיך אפשר קיין מאָל נישט דערשפּינען.

אָנכאַפּנדיק די דאָזיקע ביזאַר־פאַנטאַסטישע ציג־צאַפּ בייַ די הערנער, שטעל איך זי אַוועק ווי אַ כאַראַקטעריסטישן אָרנאַמענט־רעקוויזיט צום שלום־עליכם־דענקמאָל וואָס מיר האָבן נאָך נישט אויפגעשטעלט.

(„ליטעראַרישע בלעטער" נומ. 51, 22סטער דעצעמבער 1933)

The weirdly-grotesque element is found paralleling the lyrically-humorous in a whole series of Sholom Aleichem stories. I should like to mention only two of these, "Eternal Life" and "The Enchanted Tailor."

In the former there is an account of a ride with a corpse over a snow-covered road by night; and the ghastliness of the experience is further heightened when the snow obliterates the road and leads the traveller astray.

Better integrated and far more finished in composition is "The Enchanted Tailor". It is the story of a simple-minded tailor who sets out to buy a milch goat, but falling prey to the pranks of a Mephistophelean innkeeper, he brings home a he-goat. The Satanic intrigue of the innkeeper in the end assumes weird and terrifying dimensions. The he-goat grows into an extravagantly-grotestque phantom that strikes terror into all and sundry.

Seizing this bizarrely-fantastic goat by its horns, I place it as a characteristic symbol upon the monument of Sholom Aleichem.